**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/17/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער HOCHUL דעקט אויף טראנספארמאטיווע אינוועסטירונגען אין זיבן שפיטעלער און העלט קעיר מיטארבעט איבער ניו יארק**

***פרילימינערי באשטעטיטונג וועט צושטעלן ביז 188 מיליאן דאלאר אינוועסטירונג אין דשאמעיקא שפיטאל און מעמאריעל סלאון קעטערינג צו אוועקשטעלן א גרונטליכע קענסער קעיר צענטער פון קוינס***

***שטיצט מיטארבעט צווישן סט בארנאבאס שפיטאל, סיטיבלאק העלט און יוניאן קאמיוניטי העלט צענטער; פארבעסערט סט בארנאבאס' עמערדשענסי דיפארטמענט וועלכע זעהט 75,000 באזוכן פער יאר***

***די עלעקטעיר זיכערהייט נעץ טראנספארמאציע פראגראם מאביליזירט סטעיט אינוועסטירונגען צו פארבעסערן די שטאנדהאפטיגקייט פון זיכערהייט נעץ שפיטעלער***

***גאווערנער'ס 2025 סטעיט פון די סעיט שלאגט פאר נאך פינאנצירונג פאר די די זיכערהייט נעץ טראנספארמאציע פראגראם***

***B-ראל פון די גאווערנער'ס באזוך [פאראנען אויף יוטוב דא](#) און אויף [TV קוואליטעט (h.264, mp4)](#) [פארמאט דא](#); בילדער [פאראנען אויף די גאווערנער'ס פליקער](#)***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט אויפגעדעקט טראנפארמאטיווע אינוועסטירונגען אין זיבן שפיטעלער און העלט קעיר מיטארבעט איבער ניו יארק. די פרילימינערי באשטעטיטונג איז טייל פון די העלטקעיר זיכערהייט נעץ טראנספארמאציע פראגראם, און רעכענט אריין א ביז 188 מיליאן דאלאר אינוועסטירונג אין דשאמעיקא שפיטאל און מעמאריעל סלאון קעטערינג צו אוועקשטעלן א "גרונטליכע קענסער קעיר צענטער פון קוינס." עס טוט אויך פארפליכטן שטיצע פאר מיטארבעט צווישן סט בארנאבאס שפיטאל, סיטיבלאק העלט און יוניאן קאמיוניטי העלט צענטער און צו פארבעסערן סט בארנאבאס' עמערדשענסי דיפארטמענט. די היינטיגע מעלדונג פאלגט נאך די סיגניפשע שריט פון גאווערנער Hochul (האקול) צו פארבעסערן די געזונט פון ניו יארקער. אוועקגעשטעלט אין די פיסקאלע יאר 25 ענעקטעד בודשעט, די העלטקעיר זיכערהייט נעץ טראנספארמאציע פראגראם טוט באלוינען מיטארבעט צווישן זיכערהייט נעץ שפיטעלער און העלט קעיר ארגענעזאציעס. דורך דער פראגראם, ניו יארק טוט מוטיגן מיטארבעט וועלכע פארבעסערן דאס שטאנדהאפטיגקייט פון זיכערהייט-נעץ אינסטיטוציעס דורך צושטעלן סטראטעגישע קאפיטאל און אפעררירונג שטיצע, אין צוגאב צו פארלאנגטע רעגיולאטארי בויגזאמקייט.

"די שטארקייט פון אונזער שפיטעלער שפיגלט אפ די שטארקייט פון אונזערע געמיינדעס, און זיכערהייט נעץ שפיטעלער שפילן א קריטישע ראלע אין צושטעלן קוואליטעט העלט קעיר צו אויסגעשטעלטע

פאפולאציעס," **גאווערנער Hochul (האקול) האט געזאגט.** "יעדער מענטש זאל האבן צוטריט צו צוגענגליכע פארנטווארטליכע העלט קעיר, אפגעזעהן די זיפ קאוד זיי וואוינען אין, און די אינוועסטירונגען וועלן ברענגן וויטאלע רעסארסן צו אינטערגעדינטע ניו יארקער."

**ניו יארק סטעיט געזונטהייט קאמיסיאנער דאקטאר James V. McDonald (דשעימס ווי. מקדאנאלד) האט געזאגט,** "איך האב באזוכט כמעט אלע די אייגנריכטונגען, אריינגערעכנט סט בארנאבאס שפיטאל, די ערשטע שפיטאל איך האב באזוכט אלץ געזונטהייט קאמיסיאנער און איך האב געזעהן ערשטהאנטיג די געברויך פאר די מיטארבעט. זיכערהייט נעץ שפיטעלער פראמאטירן געזונטהייט אייניגקייט און שטעלן צו וויכטיגע סערוויסעס אין אויסגעשטעלטע געמיינדעס. איך דאנק גאווערנאר Hochul (האקול) פאר איר פארפליכטונג צו פארבעסערן די געזונט פון אלע ניו יארקער."

די דיפארטמענט פון געזונט (Department of Health) וועט ארבעטען מיט די אפליקאנטן צו רעפינירן די אפערירונג און קאפיטאל באדערפענישן צו קענען ברענגן זייער פארגעשלאגענע טראנספארמאטיווע פלענער צום רעאליטעט.

די פרילימינערי באשטעטיגטע פראיעקטן נעמען אריין:

**דשאמעיקא שפיטאל און מעמאריעל סלאון קעטערינג קענסער צענטער**

- די מיטארבעט צווישען די דשאמעיקא שפיטאל און מעמאריעל סלאון קעטערינג ("MSK") וועט אוועקשטעלט א "גרונטליכע קענסער פראגראם פון קווינס," אריינגערעכנט א נייע ראדיאציע און אינפוזיע טעראפיע קאמפוס ביי די דשאמעיקא שפיטאל.
- די קלינישע מיטארבבעט וועט העלפן דשאמעיקא שפיטאל צושטעלן גרונטליכע קענסער קעיר אין קווינס און איבערגעבן פאציענטן צו מעמאריעל סלאון קעטערינג פאר פארגעשריטענע טעראפיע אדער קלינישע טרייעלס.
- די סטעיט וועט צושטעלן ביז 188 מיליאן דאלאר אין קאפיטאל פינאנצירונג צו שטיצן די פראיעקט.

**גלענס פאלס שפיטאל און אלבעני מעד העלט סיסטעם**

- גלענס פאלס שפיטאל, אין וויטערדיגע מיטארבעט מיט אלבעני מעד העלט סיסטעם, וועט מאדערניזירן די גלענס פאלס עמערדשענסי דיפארטמענט צו פארבעסערן קעיר ליפערונג און צוגרייטן פאר ערווארטעטע וואוקס אין עמערדשענסי דיפארטעמנט באנוץ אין די קומעדיגע 10-15 יאר.
- גלענס פאלס וועט ארבעטען מיט געמיינדע-באזירטע ארגענעזאציעס צו פארזיכרען פאציענט ארויסגעלאזט פון די עמערדשענסי דיפארטמענט זענען פארבינדען צו פאסיגע רעסארסן, אריינגערעכנט דאס אריינברענגען סאושעל ארבעטער אין די ארויסלאזן פראצעס.
- די פראיעקט וועט אריין רעכענען די אריינברענגן פון גלענס פאלס שפיטאל אין די אלבעני מעד עלעקטראנישע מעדיצינשע רעקארד סיסטעם און פארגעשריטענע סטראוק קעיר פאר גלענס פאלס פאציענטן.

**בערטראנד טשאפי שפיטאל, ברוקס שפיטאל, אליען דשענעראל שפיטאל און קאלעידע העלט**

- אין יוני 2024, גאווערנער Kathy Hochul (האקול) האט געמאלדן אן אפמאך מיט קאלעידא העלט און נרוקס TLC העלט סיסטעמס צו בויען א נייע שפיטאל אין די ווילעדש פון פרעדאניע אין טשאוטאוקא קאונטי, ערזעצענדיג די ברוקס TLC אין די שטאט פון דאנקירק.
- אין א פארברייטערונג צו די ערשטע מעלדונגף קאלעידא העלט וועט פארמאלאזירן מיטארבעט מיט נאל צווי דערפישע שפיטעלער אין מערב ניו יארק (אליען דשענעראל שפיטאל און בערטראנד טשאפי שפיטאל), און מאכן קריטישע אינפראסטרוקטור פארבעסערונגען אין די דערפישע שפיטעלער.
- קאלעידא העלט וועט מאדערניזירן איר עלעקטראנישע מעדעצינישע רעקארד סיסטעם פאר איר גאנצע סיסטעם צו ערמעגליכען בעסערע עפיציענץ און פארבעסערטע אנגייענדיגקייט פון קעיר דורכאויס מערב ניו יארק.

**סט בארנאבאס שפיטאל, סיטיבלאק העלט און יוניאן קאמיוניטי העלט צענטער**

- דורך א מיטארבעט מיט סיטיבלאק העלט און יוניאן געמיינדע העלט צענטער, סט בארנאבאס שפיטאל וועט פארבעסערן געזונט אויסגענגע און פארמינערן אומנויטיגע אדמיסיעס און ווידער אדמיסיעס, ווען אויך העלפענדיג צו צושטעלן פאר די בראנקס געמיינדע מיט גרעסערע צוטריט צו לאקאלע אויפירונג העלט סערוויסעס.
- פלענער רעכענען אריין אנהייבן א ווערס-באזירטע מיטארבעט צו פארוואלטן די קאמפלעצירטע געזונטהייט געברויכן פון ארום 35,000 העלטפירסט מעמבערס - 50 פראצענט פון וועם האבן אויפירונג געזונטהייט געברויכן.
- די פראיעקט וועט אריינרעכענען א פארבעסערונג צו סט בארנאבאס' עמערדשענסי דיפארטמענט, וועלכע זעהט יעצט 75,000 עמערדשענסי דיפארטמענט באזוכן יעדעס יאר אין א פלאץ געמאכט צו אקאמאדירן נאר 55,000 באזוכן יערליך.

**מאנטעפיאר ניו ראשעלע שפיטאל און מאונט ווערנאן געגענט העלט טצענטער, d/b/a וועסטשעסטער געמיינדע העלט צענטער**

- מאנטעפיאר ניו ראשעלע שפיטאל וועט מיטארבעטען מיט וועסטשעסטער געמיינדע העלט צענטער, א פעדעראלע קוואליפיצירטע העלט צענטער ( Federally Qualified Health Center, FQHC), צו פארשטערקערן די שפיטאל'ס מאטערנאל טשיילד העלט פראגראם און פארבעסערן די קוואליטעט פון מאטערנאל העלט קעיר אין וועסטשעסטער.
- מאנטעפיאר ניו ראשעלע שפיטאל וועט מאדערניזירן איר מאטערניטי און פאסטפארטום איינהייט און ניאונאטאל אינטענסיוו קעיר איינהיט צו בעסער דינען איר מאטערניטי פאציענטן. איר יעצטיגע איינהייט איז אן אלטמאדיש און אומעפיציענט פלאץ וועלכע איז נישט געווארן רענאווירט אין איבער 25 יאר.

**יוניווערזיטעט פון ווערמאנט ͏(University of Vermont, UVM) העלט נעטווארק, UVM עריס הייד מעדיקעל צענטער און UVM טשעמפלעין וועלי פיזישענס שפיטאל**

- צו פארבעסערן די קוואליטעט פון און צוטריט צו אויפירונג געזונטהייט קעיר און פארמינערן עמערדשענסי דיפארטמענט באנוץ אין צפון קונטי, UVM טשעמפלעין וועלי

פיזישענס שפיטאל וועט מיטארבעטן מיט טשעמפלעין וועלי פאציליע צענטער פאר דראג באהאנדלונג און יוגענט סערוויסעס.

- די פראיעקט זוכט אויך צו גרינגער מאכן און פארשטערקערן די פינאנציעלע נאכהאלטיגקייט פון די UVM עליס הייד מעדיקעל נעטווארק.

**מערי אימאגענע באסעט שפיטאל, אטסעגאו קאונטי אמביולאנס סערוויסעס און נאבעל העלט סערוויסעס**

- מערי אימאגענע באסעט שפיטאל וועט אוועקשטעלן צווי דיסטינקטיווע מיטארבעט - איינס מיט אן אמביולאנס סערוויס און איינס מיט ספעציאליטעט אפאטייקער.
- דורך א מיטארבעט מיט אטסעגאו קאונטי אמביולאנס סערויס, מערי אימגענע באסעט שפיטאל וועט פארמערן די פאראהאנענקייט פון עמערדשענסי טראנספארטאציע און פארבעסערן קאמיוניקאציע אינפראסטרוקטור צו פארבעסערן עפיציענצת איבער די גאנצע באסעט העלט נעטווארק.
- דורך א מיטארבעט מיט די נאציאנאלע ספעיאליטעט אפאטייקער נאבעל העלט סערוויסעס, מערי אימגענע באסעט שפיטאל וועט פארברייטערן און מאדערניזירן באסעט'ס אפאטייקער אפעראציעס צו פארבעסערן און פארשנעלערן פארמאקאלאדשיקעל אינטערווינונגען פאר פאציענטן.

די העלטקעיר זיכערהייט נעץ טראנספארמאציע פראגראם אפליקאציע פראצעס איז איז קראפט. אפליקאציעס וועלן ווייטער פארגעזעצט צו ווערן איבערגעקוקט און באשטעטיגט אויף אן אנגייענדע באזיס. אין איר ערשטע יאר, איז די פארלאנג פאר די פראגראם שטארק איבערגעשטיגן די געלטער וואס איז איז געווען צוגעשטעלט דערפאר. ווי געמאלדן אין איר 2025 סטעיט פון די סטעיט, נאכצוקומען די פארלאנג, וועט גאווערנאר Hochul (האקול) צולייגן נאך ריסאורסעס צו דעם פראגראם אין פיסקאלע יאר 26. די פארפליכטונג וועט שטיצן ווערדיגע אפליקאציעס און ערמעגליכן נייע מיטארבעטשאפט צו סטאביליזירן און פארשטערקערן ניו יארק'ס זיכערהייט-נעץ שפיטעלער פאר די צוקונפט.

**רעפריזענטאטיוו Gregory Meeks (גרעגארי מיעקס) האט געזאגט,** "די פינאנצירונג פאר א קענסער צענטער אין דשאמעיקע שפיטאל איז א טראנספארמאטיווע אינוועסטירונג אין די קווינס געמיינדע. די ברייטע שטיצע ערמעגליכט העלטקעיר פראווידערס צו נוצן די לעצטיגע טעכנעלאגיעס און פארגעשריטענע באהאנדלונדען אין אפגעבן פאר קענסער פאציענטן. דשאמעיקע שפיטאל איז גאר וויכטיג צו אונזער געמיינדע, וועלכע איז פארוואס איך האב אדוואקאטירט און פארזיכערט מער פון 4.3 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע פינאנצירונג צו העלפן די איינריכטונג שאפן נאך נויטיגע מעדעצינישע געצייג. אנגייענדיגע אינוועסטירונג אין אונזער העלטקעיר סיסטעם טוט נישט נאר ראטעווען לעבענס נאר אויך פארשטערקערן פארמיידענע קעיר צוגעבענדיג צו די אלגעמיינע וואוילזיין פון אונזער איינוואוינער."

**סטעיט סענאטאר Leroy Comrie (לערוי קאמריע) האט געזאגט,** "גאווערנער Hochul (האקול"ס) אינוועסטירונג אין ניו יארק'ס העלטקעיר סיסטעם צייגט א פעסטע פארליכטונג צו אייניגקייט און אינאוואציע. די שאפונג פון די גרונטליכע קענסער קעיר צענטער פון קווינס, אין מיטארבעט מיט דשאמעיקע שפיטאל און מעמאריעל סלאון קעטערינג, פארזיכערט אז קווינס איינוואוינער וועלן האבן צוטריט צו שניידענדיגע קענסער קעיר נאנט צו דערהיים. דורך פארשטערקערן זיכערהייט-נעץ שפיטעלער איבער די סטעיט, די איניציאטיוו טוט נישט נאר פארבעסערן העלטקעיר ליפערונג נאר אויך ווידער באשטעטיגט אונזער מיטגעטיילטע מיסיע צו בויען א געזונטע, מער שטאנדהאפטיג ניו יארק פאר אלע."

**ניו יארק סיטי קאונסיל מעמבער Lynn Schulman (לין שולמאן) האט געזאגט,** "הערלטקעיר איז א מענטשליכע רעכט און די היינטיגע סיגניפישע אינוועסטירונג, דורך גאווערנער Hochul (האקול) אין זיכערהייט נעץ שפיטעלער און העלטקעיר ארגענעזאציעס מאכט דעס מער פון א ריאליטעט. די פינאנצירונג וועט פארבעסערן וועלט קלאס מעדעצינישע און קענסער קעיר פאר די בארא פון קווינס."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן